**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטיצן אינאוואציע: גאווערנער HOCHUL און סענאטאר SCHUMER מעלדן 65 מיליאן דאלער ארויסברייטערונג פון קומענדיגע-דור בעטערי אינאוואציע קאמפאני BAE סיסטעמס אין די דרום טייל**

***BEA סיסטעמס וועט שאפן מער ווי 130 נייע גוט-באצאלטע דזשאבס ביי די ווילעדזש פון ענדיקאט לאקאציע***

***אנגייענדע ניו יארק סטעיט אינוועסטמענטס שטיצט די דרום טייל'ס ראיאן'ס פולשטענדיגע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן דורך פאקוסירן אויף ריינע ענערגיע לעזונגען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און Charles Schumer (טשארלס שומער) האבן היינט געמאלדן אז BEA סיסטעמס אינוועסט 65 מיליאן דאלער צו ארויסברייטערן אפעראציעס אין די ווילעדזש פון ענדיקאט, ברום קאונטי (Broome County). די קאמפאני וועט צולייגן א סך הכל פון 150,000 סקווער-פיס צו אירע עקזיסטירנדע ארט צו מאכן פלאץ פאר א נייע בעטערי פראדוקציע ליניע און לאבאטאריע פלאץ און נייע אפיס פלאץ. אלץ רעזולטאט פון די ארויסברייטערונג, האט די קאמפאני זיך פארפליכטעט צו שאפן ביז צו 134 גוט-באצאלטע דזשאבס אויפ'ן ארט. BEA סיסטעמס איז א גלאבאלע באשיצונג, ערהאספעיס און סעקיוריטי קאמפאני מיט אומגעפער 93,000 איינגעשטעלטע איבער'ן וועלט. די BEA סיסטעמס איינריכטונג אין ענדיקאט דיזיינט, אנטוויקלט און פראדוצירט א ברייטע אויסוואל פון זיכערהייט-קריטישע עלעקטראנישע סיסטעמס פון פליגער און מאטאר קאנטראלירע ביז קראפט און ענערגיע מענעדזשמענט סיסטעמס. די קאמפאני אפערירט ביי די האדסאן קאמפוס ארט זייט 2011.

"די באשלוס פון BEA סיסטעמ'ס צו ווייטער ארויסברייטערן איר ביזנעס רעפריזענטירט נאך א געווינס פאר ניו יארק סטעיט און פאר די דרום טייל, וועלכע לייגט שטארקע געוויכט צו ווערן א גלאבאלע צענטער פאר קומענדיגע-דור בעטערי אינאוואציע באמיאונגען," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "זייט איך בין אריין אין אפיס, בין איך פארבליבן פארפליכטעט צוריקצוברענגען דזשאבס צו אפסטעיט ניו יארק. די גאר ערפאלגרייכע קאמפאני האט אויסגעוועלט צו פארגרעסערן אירע אפעראציעס דא, מוטיגנדיג צו שאפן העכסטע-קוואליטעט, גוט-באצאלטע דזשאבס אין די ראיאן ווייל זיי האבן געזען ערשטהאנטיג וויאזוי ניו יארקער זענען גרייט צו ארבעטן שווער."

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "BEA סיסטעמס לייגט צו מער ווי 130 גוט-באצאלטע דזשאבס גלייך דא אין די דרום טייל צו מאכן זיכער אז די קומענדיגע דור פון אמעריקאנער בעטעריס ווערן געזיגלט 'געמאכט אין אפסטעיט NY'. די 65 מיליאן דאלער ארויסברייטערונג צוצולייגן א נייע בעטערי פראדוקציע ליניע, אויספארש לאבאטאריע און אפיס העלפט צו ווייזן וויאזוי מיר קענען צוריקברענגען די סופליי קייט פון אויסלאנד, מיט די דרום טייל פירנדיג די וועג צו

מאכן זיכער אז די צוקונפטדיגע בעטערי פראדוצירונג ווערט פראדוצירט אין ברום קאונטי, נישט בעיזשינג (Beijing). BEA סיסטעמס איז א וויכטיגע טייל פון די דרום טייל'ס עקענאמיע, מיט א וועלט-קלאס ארבעטסקראפט פון איבער 1200 מענטשן, אין דאס אויסוועלן די געגנט פאר זייער גרויסע בעטערי פראדוקציע אויסברייטערונג איז נישט אומזיסט. איך בין שטאלץ פון די מיליאנען דאלאר'ן פון פעדעראלע שטיצע וואס איך האב צוגעשטעלט צו די ראיאן - דורך די אמעריקען רעסקיו פלאן ( American Rescue Plan) און מיין בייפארטיזאן CHIPS און סייענס געזעץ (CHIPS & Science Act) - עס צו מאכן א גלאבאלע צענטער פאר בעטערי אויספארש און זיך צוגרייטן פאר די היינטיגע מעלדונג. היינט טוט BEA העלפן צוצולייגן נאך א טייל אין גרינדען די ראיאן אלץ א גרונט פון פראדוקציע און אינאוואציע פאר אמעריקע'ס בעטערי בעלט."

די פראיעקט נעמט אריין די אויסברייטערונג פון BEA סיסטעמס בעטערי פראדוקציע ליניע, אריינגערעכנט איינקויפן אין אריינשטעלן מאשינען און געצייג צו פראדוצירן פעאיגעהייט אן ענערגיע סטארעדזש סיסטעם פאר עלעקטריק\הייבריד פליגער. די איינריכטונג וועט אריינעמען א אוטאמאטישע מאדערניזירטע פראדוקציע ליניע, א ענדזשענירינג לאבאטאריע און א נאך-מארקעט צענטער, און איז ערווארטעט צו ווערן פארענדיגט אין 2027.

עמפייר סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) שטיצט די פראיעקט מיט ביז 8.5 מיליאן דאלער אין אויספירונג-באזירטע עקסעלסיור דזשאבס שטייער קרעדיט (Excelsior Jobs Tax Credit) פראגראם אין אויסטויש פאר א פארפליכטונג צו שאפן דזשאבס. ברום קאונטי שטיצט אויך די פראיעקט.

**BEA סיסטעמס סיניאר דירעקטאר Jim Garceau (דזשים גארסו) האט געזאגט,** "די אויסברייטערונג פונעם איינריכטונג פארשטערקערט אונזער פארפליכטונג צו די דרום טייל און בויעט זיך אויף ניו יארק סטעיט'ס וויזיע צו שאפן א ראיאנישע צענטער פאר בעטערי אינאוואציע. מיט שי אינווערסטירונג, וועלן מיר פארבעסערן אונזער מעגליכקייטן צו אדרעסירן די אויפקומענדע געברויכן פאר די קומעדיגע-דור הייבריד\עלעקטריק פליגער."

**שטיצן קומעדיגע-דור בעטערי אינאוואציע**
גאווערנער Hochul (האקול) און סענאטאר Schumer (שומער) זענען געווען א וויכטיגע טייל אין די קאמפאניע באשלוס דורך ארבעטן נאנט מיט די קאמפאניס אפיצירן צו פארזיכערן אז די פראיעקט וועט זיך פאראויס ריקן אין ניו יארק'ס דרום טייל ראיאן וועלכע לייגט שטארקע געוויכט אויף שטיצן די קומעדיגע-דור ענערגיע באמיאונגען - א העכסטע פריאריטעט פאר די גאווערנער און סענאטאר.

אין יאנואר 2024, האבן די גאווערנער און סענאטאר געמאלדן אז די אמעריקאנער נאציאנאלע סייענס פאונדעישן (U.S. National Science Foundation) האט באשטימט די נייע ענערגיע ניו יארק ( New Energy New York, (NENY) Storage Engine) סטארעדזש מאטאר אלץ א ראיאנישע אינאוואציע מאטאר (Regional Innovation Engine (NSF Engine)) וואס איז געווארן געשאפן דורך די סענאטאר֜ בייפארטיזאן CHIPS און סייענס געזעץ. די NENY סטארעדזש מאטאר, אוועקגעשטעלט ביי בינגהעמפטאן אוניווערסיטעט (Binghamton University) אין די דרום טייל ראיאן, וועט באקומען ביז צו 15 מיליאן דאלער איז פעדעראלע געלטער פאר צוויי יאר און ביז 160 מיליאן דאלער איבער 10 יאר צו גרינדן א צענטער וואס וועט פארשנעלערן אינאוואציע, אריינברענגען טעכנעלאגיע און שאפן א גענייטע ארבעטסקראפט צו פארגרעסערן די מעגליכקייטן פון די דאמעסטישע בעטערי אינדוסטריע. דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, וועט ניו יארק סטעיט צושטעלן 'מעטשינג פאָנדס' פאר 20 פראצענט פון די ערשטע פינף יאר פון דעם פראיעקט און אזוי אויך צושטעלן שטיצע דורך שוין-אוועקגעשטעלטע פראגראמען. די NENY ענערגיע סטארעדזש אויפטרייבונג צענטער איז אויסדערוועהלט געווארן צוליב איר פארשידנארטיגע קאאליציע פון קערפערשאפטן פון פארשידענע סעקטארן וואס וועלן בויען א פירנדע סיסטעם צו פאראויס טרייבן טעכנאלאגישע באטעריע ערפינדונגען, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און

מעניופעקטשורינג צו שטיצן די פאראייניגטע שטאטן נאציאנאלע זיכערהייט און קאנקורענץ אויפן גלאבאלע מארקעט.

Schumer (שומער) האט געקעמפט פאר א לאנגע צייט צו פארזיכערן א פעדעראלע אינוועסטירונג צו שטיצן די דרום טייל'ס בעטערי פראדוצירונג און R&D. אין 2021, האט Schumer (שומער) געשאפן די בוי צוריק בעסער ראיאנישע (Build Back Better Regional) טשעלענדזש אין די אמעריקען רעסקיו פלאן וואס ער האט געברענגט צו ווערן אריבערגעפירט אלץ מערהייט פירער. די סענאטאר האט פערזענליך אדוואקאטירט פאר די אויסוועלונג פון די בינגהעמפטאן אוניווערסיטעט-אנגעפירטע נייע ענערגיע ניו יארק'ס (NENY) בעטערי צענטער פארשלאג, העלפדיג צוזושטעלן א 63.7 מיליאן דאלער פעדעראלע אינוועסטירונג מיט א 50 מיליאן פאונדינג שותפות פון ניו יארק סטעיט. אין 2023, האט Schumer (שומער) אויך צוגעשטעלט די פרעסטידשפולע פעדעראלע טעכנעלאגיע צענטער ( Tech Hub) באשטימונג, אויך געשאפן דורך זיין בייפארטיזאן CHIPS און סייענס געזעץ פאר די בינגהעמפטאן אוניווערסיטעט-אנגעפירטע NENY פארשלאג.

**עמפייר סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO & קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul'ס (האקול) סטראטעגישע און שטארק-פאוקסירטע שטיצע פאר קומעדיגע-דור ריינע ענערגיע קאמפאניס פארשנעלערט די וואקסנדע אנוועזנהייט פון די נייע אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט. BEA סיסטעמ'ס איוסברייטערונג וועט שאפן העכסטע-קוואליטעט דזשאבס און געלעגנהייטן אין די דרום טייל, פאראויס ריקנדיג די ראיאן'ס פירערשאפט אין בעטערי טעכנעלאגיע אינאוואציע."

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפאָרדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו ערגייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינרעכענענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

**ניו יארק פאוער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) פרעזידענט און CEO Justin E. Driscoll (יוסטין ע. דריסקאל) האט געזאגט,** "BEA סיסטעמס איז געווען א גרויסע טרייבקראפט אין עקענאמישע וואוקס אין ברום קאונטי, און איך באגריס זיי אויף זייער נייע 65 מיליאן דאלער אויסברייטערונג. אדאנק סטראטעגישע אינוועסטירונגען פון גאווערנער Hochul (האקול) און סענאטאר Schumer (שומער), איז ניו יארק געווארן א פלאץ צו טעסטן בעטערי סטארעדזש אינאוואציע, און NYPA וועט ווייטער שטיצן פירמעס אזויווי BEA סיסטעמס צו אנטוויקלען נייע טעכנעלאגיע און מוטיגן עקענאמישע וואוקס מיט בילעריגע ענערגיע."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסערטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA') פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דאורין מ. העריס) האט געזאגט,** "מיט די אינוועסטירונג אין קומעדיגע דור בעטערי טעכנעלאגיע ביי זייער ברום קאונטי לאקאציע, טוט BEA סיסטעמס שטיצן לאקאלע דזשאבס און פארשטערקערט די סטעיט'ס ריינע ענערגיע סופליי קייטן, מאכנדיג זיכער אז ניו יארק טוט ווייטער פירן די וועג אין אינאוואציע און ריינע טעכנעלאגיע עקענאמישע געלעגנהייטן. די אויסברייטערונג וועט אויך פאראויס ריקן ריינע טראנספארטאציע אין די אוויאציע אינדוסטריע און שטיצן NYSERDA'ס באמיאונגען אין אויספארש, אנטוויקלונג און צייגונג פון נייע טעכנעלאגיעס אין די ענערגיע סטארעדזש סעקטאר."

**סטעיט סענאטאר Lea Webb (לי וועב) האט געזאגט,** "עס איז דערפרייענד צו זען BEA סיסטעמס אויסברייטערן איר קומעדיגע-דור בעטערי אינאוואציע אפעראציעס גלייך דא אין די דרום טייל, ברענגנדיג ביז צו 134 נייע דזשאבס צו די ווילעדזש פון ענדיקאט, "האט סטעיט סענעטאר Lea Webb (לי וועב) געזאגט. "די אינוועסטירונג פארשטערקערט אונזער ראיאן'ס ראלע אלץ א פירער אין ריינע ענערגיע טעכנאלאגיע און פארגעשריטענע פראדוצירונג. איך וויל דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו פארגרעסערן אונזער לאקאלע עקאנאמיע און יעדער איינער וואס האט ערמעגליכט די אויסברייטערונג. די אינוועסטירונג טוט נישט נאר שאפן נייע געלעגנהייטן פאר ארבעטער נאר טוט אויך פארשטערקערן ניו יארק'ס פירערשאפט אין די צוקונפט פון שטאנדהאפטיגע ענערגיע לעזונגען."

**אסעמבלי מיטגליד Donna Lupardo (דאנא לופארדא) האט געזאגט,** "יארן פון שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט האבן געמאכט אונזער געגנט א באשטימטע צענטער פאר בעטערי אינאוואציע און פראדוצירונג. BEA'ס אויסברייטערונג צו אריינעמען א נייע בעטערי פראדוקציע ליניע וועט ווייטער וועקשטעלן אונזער קאמיוניטי אלץ א פירער אין ריינע-ענערגיע טעכנעלאגיע. זייער ארבעט אויף עלעקטריק\הייבריד באסעס און פליגער בעטערי סיסטעמס מאכן א באדייטנדע ענדערונג פאר די אינדוסטריע און פאר אונזער לאקאלע ארבעטסקראפט. איך וויל באדאנקען BEA סיסטעמס פאר זייער אנגייענדע אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי, און די גאווערנער און עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פאר זייער אנגייענדע שטיצע פאר די וויכטיגע ארבעט."

**ברום קאונטי עקזעקיוטיוו Jason Garnar (דזשעיסאן גארנער) האט געזאגט**, "BEA סיסטעמ'ס אויסברייטערונג אין ענדיקאט אין נאך א גרויסע געווינס פאר ברום קאונטי, פארשטערקערנדיג אונזער ראיאן'ס ראלע אלץ א פירער אין קומעדיגע-דור בעטערי אינאוואציע בשעת'ן שאפן נאך מער דזשאב געלעגנהייטן פאר אונזער קאמיוניטי. א דאנק צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר נאכאנאנדע איבערגעגעבנקייט צו עקענאמישע וואוקס אין די דרום טייל און צו BEA סיסטעמס פאר'ן אויסוועלן אויסצוברייטערן דא אין ברום קאונטי."

**ווילעדזש פון ענדיקאט מאיאר Nick Burlingame (ניק בורלינגעים) האט געזאגט,** "BEA סיסטעמ'ס באשלוס אויסצוברייטערן איר אפעראציעס אין ענדיקאט ווייזט אויף די שטארקייט פון אונזער קאמיוניטי, אונזער ארבעטסקראפט און אונזער ראיאן'ס איבערגעגעבנקייט צו אינאוואציע. די אינוועסטירונג טוט נישט בלויז פארשטערקערן ענדיקאט'ס לעגעסי אלץ א צענטער פאר נייע טעכנעלאגיע נאר ברענגט אויך נייע געלעגנהייטן פאר לאקאלע פאמיליעס און ביזניסער. מיר זענען שטאלץ צו שטיצן BEA סיסטעמס אזיווי זיי טוען ווייטער וואקסן און פארמירן די צוקונפט פון ריינע ענערגיע און בעטערי אינאוואציע גלייך דא אין אונזער ווילעדזש. מיר קוקן ארויס צו די דזשאבס, עקענאמישע ווירקונג און פארשריט וואס די אויסברייטערונג וועט ברענגען צו ענדיקאט."

פאר מער אינפארמאציע וועגן BEA סיסטעמס, באזוכט: [https://jobs.baesystems.com/global/en/](https://jobs.baesystems.com/global/en/) .

**פארשנעלערן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין די סאוטערן טיער**

די היינטיגע מעלדונג ריקט פאראויס די דרום טייל סטראטעגישע פלאן און שטיצט "דרום טייל אויפהייבנדיג" סטראטעגיע דורך אנפירן עקענאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלענער קאנצענטרירן זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן פארשריט פון דעם קומענדיגן דור. מער אינפארמאציע קען מען זעהן [דא](דא).

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, און שטופט פאראויס ביזנעס וואוקס, שאפן ארבעט, און גרעסערע עקאנאמישע געלעגנהייטן דורכאויס די סטעיט. מיט אפיסעס אין יעדע פון די סטעיט'ס 10 ראיאנען, טוט די ESD איבערזעהן די [ראיאנישע עקאנאמישע](ראיאנישע עקאנאמישע)

אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Councils), שטיצן אינטערנעט סערוויס גלייכקייט דורך די ConnectAll אפיס און פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט דורך די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development).

די אגענטורארבעט מיט נייע און קומענדיגע גענעראציאנען אינדוסטריס אזויווי ריינע ענערגיע און סעמיקאנדוקטאר פאבריצירונג וואס זוכן צו וואקסן אין ניו יארק סטעיט, אפערירט א נעץ פון הילף צענטערס צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן און מצליח זיין, און שטופט פאראויס די סטעיט'ס וועלט קלאס טוריזם דעסטינאציעס דורך I LOVE NY. פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט esd.ny.gov, און פארבינדט זיך מיט ESD אויף LinkedIn, Facebook און X, פריער באקאנט אלץ Twitter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן